# אזהרה רבה ואיסור גמור

## מאת אגודת הרבנים

די אגודת הרבנים וואָרענט דעם אידישען פובליקום געגען די רעפאָרמען, וועלכע האָבען לעצטענס אָנגעפאַנגען אַריינדרינגען אין דער אידישער גאַס און אין געוויסע שולען. צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאַגע געפינען מיר פאַר נויטיג אַרויסצוגעבען די פאָלגענדע אַזהרות:

מחיצות

1. דער דין פאַרבאָט מענער און פרויען מתפלל צו זיין אין דער זעלבער סעקציע פון דער שול, אפילו ווען זיי זיצען אויף באַזונדערע בענק. יעדער שול — „בית תפלה״ — מוז האָבען אַ ריכטיגע מחיצה צווישען די מענער־סעקציע און דער פרויען־סעקציע, באַשטייענדיג פון אַ וואַנט אָדער אַ גאַלעריע;

2. אַ שול וועלכע האָט ניט קיין מחיצה צווישען די אָפטיילונגען פאַר מענער און פרויען איז נישט קיין כשר׳ע שול, און על־פי־דין טאָר מען אין אַזאַ שול נישט דאַווענען;

3. אידען וועלכע וואוינען אין אַ געגענט וועלכע האָט נישט קיין כשר׳ע שול מיט אַ געהעריגע מחיצה, דאַרפען אַראַנזשירען אַ מנין אין אַ פריוואַטע הויז אויב מעגליך, און אויב ניט, דאַווענען ביחידות אין זייערע הייזער. אָבער בשום־אופן זאָלען זיי נישט דאַווענען אין אַ פלאַץ וועלכער האָט ניט קיין געהעריגע מחיצה;

4. מען טאָר נישט זיין קיין מעמבער אין אַ קאָנגרעגיישאָן וועלכע האָט נישט קיין געהעריגע מחיצה אין איר שול, און מען טאָר זי אויך נישט שטיצען מאָראַליש אָדער פינאַנציעל.

* * *

מיט איבער פינף און צוואַנציג יאָר צוריק האָבען די גרעסטע גאונים און צדיקים פון יענער צייט זיך געווענדעט מיט אַ ספעציעלער פאָדערונג צום

אַמעריקאַנער אידענטום אָפּצוהיטען שטרענג די מחיצה אין די שולען און נישט דערלאָזען קיין שום פאַרשוועכונג פון דער קדושה פון שול.

די פאָלגענדע גאונים וצדיקים ז״ל האָבען זיך גע׳חתמ׳עט אויף דעם אויפרוף:

דער חפץ חיים, ר׳ ישראל מאיר הכהן, מראַדין

ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי מווילנא

ר׳ אברהם דובער הכהן שפירא, אב״ד דקאָוונא

ר׳ יחזקאל ליפשיץ, אב״ד דקאַליש

ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק, רב ראשי דירושלים עיה״ק

ר׳ יצחק ירוחם דיסקין, מירושלים

ר׳ מאיר אַראַק, אב״ד טאַרנא

ר׳ אברהם יצחק הכהן בורשטיין, אב״ד טאַווריג

ד״ר מאיר הילדעסהיימער, הרב דבערלין...

בברכת התורה,

אגודת הרבנים דארצות הברית וקנדה